Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראָשען

היינט 24 זייטען

# לאָדזשער פאָלקסבלאַט

№ 281 | Łódź Piątek, 4 grudnia 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ״ד כסלו תרצ״ב | № 281

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

פרעהליך! — יודיש טעאַטער אין פילהאַרמאָניע — אַמוזירענד!

דירעקציע: דוד צעלמייסטער און א. בעזמאַן.

# זונטאג, דעם 6-טען דעצעמבער, 9 אין אָוונט ווערט געגעבען

א גראַנדיעזע פאָרשטעלונג **לכבוד חנוכה** א גראַנדיעזע פאָרשטעלונג

# 3 פּיעסען אין איין אָוונט 3

עס וועט געשפּילט ווערען אין דער הויפּט-ראָלע מיט׳ן לאָדזער ליבלינג

# • רעגינא צוקער •

## און מיט׳ן אנטייל פון גאַנצען אַנסאַמבל



1) **דעם טאַטענ׳ס זונדעלע** (1-טער אקט)

2) צום ערשטען מאָל אין לאָדז **דאָס עיבור-יאָהר** קאָמעדיע אין 1 אקט, אויסגעפיהרט פון ס. צימבאליסט.

3) די שטאַרק-אויסגענומענע פיעסע **דאָס חזנ׳טע** (2-טער אקט)

4) א שלאַגער-דיווערטיסמענט א. נ.:

# חנוכה-לאַטקעס

מיט׳ן אנטייל פון:

**בערטא זאסלאַווסקא** — פאָלקס-לידער

**קאַראָל צימבאַליסט** — אפגעגעבענע ברויט

**לאַלא יאַקובאָוויטש** — 1) ווער וויל א כלה, 2) אלטע מויד

**לעאָן געטליכערמאַן** — 1) דער שכור, 2) א חבר איז לעבן

# רעגינא צוקער —

**אין איהר פערשידענארטיגען רעפּערטואר**

**שלמה הערשקאָוויטש** — 1) ליבע פון א גנב, 2) פּאָפּורי

**אַלאַ שליפּקאָוויטש** — פאָלקס-לידלעך

**דוד האַמבורגער** — א חלום פון א רוסישען גענעראַל

**הערש באַלבירסקי** — 1) כ׳וויל א מעדעל, ווי מיין מאַמע איז געווען, 2) איילט זיך נישט מעדלעך

רעזשי קאַראָל צימבאַליסט. קאָנפעראַנס. אַלאַ שליפּקאָוויטש.
דיריגענט י. בלומשטיין. ביהנע-ליטונג קלמן גוטמאַן. סופלער מאיר אייזענבערג
טעקסטען פאַר דער קאָנפעראַנסיערקע: א. שאַרפּצינגעל און י. אבערזשאַנעק

בילעטען שוין צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע. פריי-קאַרטען זיינען נישט גילטיג.

אַן עקסטרא מתנה
דעם לאָדזער טעאַטער-עולם
צו יעדען בילעט ווערט צוגע-
געבען צום אנדענק א פאָטאָ-
גראַפיע פון רעגינא צוקער

# פּרעסע-שטימען וועגען רעגינא צוקער

**מ. קיפּניס אין „היינט״**

דער, וועלכער האָט זי געזעהען אין די „רומעניש׳ע חתונה״, געפינט נישט קיין אַנדערען אויסדרוק ווי „קוועק-זילבער״ און א „מויד א כוואַט״, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר איהר פייערדיגען טעמפּעראַמענט.

**דער רעצענזענט פון דער „CHWILA״**

צווישען אַנדערען:

זי רוהט נישט, איהר טעמפּעראַמענט איז אויסערגעוועהנליך, דאָס זינגען און טאַנצען הערליך שעהן, בראַוואָ רעגינאַ צוקער!

**„NOWY DZIENNIK״**

ביי אונז אין שטאָט טרעט אויף די שוישפּילערין רעגינאַ צוקער. איהר שפּילען איז פאַרבערייך, און צייכענט זיך אויס דורך איהר אויסערגעוועהנליכען טעמפּעראַמענט. איהר אַרט שפּילען איז פריי פערהאַלטען זיך אויף דער סצענע; איהר טאַנצען און זינגען, רייסט אַלעמען מיט.

**„DAELY MAILE״ די ענגלישע צייטונג**

שרייבט צווישען אַנדערען:

פייער, קיין אַנדערען אויסדרוק צו בעצייכענען די ראַסיגע שוישפּילערין רעגינאַ צוקער האָט מען נישט.

דאַנק איהר אונערשעפּליכען טעמפּעראַמענט קען זי פערעכענט ווערען אַלס איינע פון די פּראַכטפולסטע שוישפּילערינס פון דעם מין.

עס איז ווערט זי צו זעהען.

**„WIENER JOURNAL״**

שרייבט צווישען אַנדערען:

די שוישפּילערין רעגינא צוקער איבערשטייגט אַלע ערוואַרטונגען.

איהר אַרט שפּילען איז זעהר אָריגינעל און מיטרייסענד.

אַ ראַסיגע יודישע טאַלענט, וועלכע ברענגט מיט זיך פרישקייט און פאַרבענרייכקייט.

לעבעדיג! — איבעראַשענד! — לוסטיג!

## דעם קעמעל דורך „עם נאָדעל"-לעכעל




הער לאַוואַל ! דאָס מאָל וועט די נאָדעל-פּלאַצן !.. (אויסל. הומאָר)

# די לאָדזער קהלה-אידיליע
## אויף דער וואַרשאַווער קהלה געזאָגט געוואָרען

אַ זיצונג אין דער לאָדזער קהלה:
הענעך בערגער וועהלט לייבעל מינצבערג פאַר פּרעזעס, און לייבעל מינצבערג וועהלט הענעך בערגער פאַר וויצע, אַדוואָקאַט ווייצמאַן וועהלט ליבערמאַנען פאַר פּרעזעס פון ראַט און ליבערמאַן וועהלט ווייצמאַנען פאַר וויצע פּרעזעס פון ראַט.
דעם דאָזיגען „שלום בית" אויף דער וואַרשאַווער קהלה געזאָגט געוואָרען !..

### חנוכה-קאָנצערט

די חנוכה-לעמפּלעך-מאַכער און דריידלעך-גיסער רופען אַלע מיטגלידער פון חנוכה-לאָמפּען-מאַכער-פעראיין אויפ'ן

חנוכה-קאָנצערט

וואָס ווערט איינגעאָרדענט לכבוד די חשמונאים, וואָס האָבען העלדיש געקעמפט לטובת אונזער בראָנזשע...

### גרעסער פון נס

שכן (צום צווייטען שכן ביים ציגדען די חנוכה-ליכטלעך): איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען: ביי אייך, איז דער סוואַנד גרעסער פון דעם נס.
נאָש בראַט.

### „ס'וועט אייך שוואַרץ ווערען אין די אויגען"



„עקספּאָזע" פון נייעם פּרעזעס פון קהלה-ראַט, ר' פישעל ליבערמאַן.

### אַ גליק האָט אים געטראָפען

אויף דער פּויליש-רוסישער גרעניץ שטעהט אַ הייזעל. אַ לאַנגע צייט איז אָנגעגאַנגען אַ סכסוך צו וועמען געהער דאָס הייזעל; צו פּוילען צי צו רוסלאַנד.
די לעצטע צייט, האָט אַ געמישטע קאָמיסיע פעסטגעשטעלט, אַז דאָס הייזעל געהער צו פּוילען.
— גאָט זיי דאַנק — האָט דער בעל-הבית פון דעם הייזעל אויסגערופען, אַז מיין הייזעל געהער צו פּוילען.
— וואָס פרעהט איהר אייך אַזוי? — האָט מען איהם געפרעגט.
— ווייל אין רוסלאַנד — זאָגט מען, זענען גרויסע פרעסט.

—=:O:=—

### ער איז מעהר סוחר

טורמע-אויפזעהער (צו אַ יודישען אַרעסטאַנט) דאָ וועט איהר קענען אַרבייטען, איהר קענט אייך אויסקלויבען ביי וואָס: פּאַפּירענע טיטען, פלעכטען קויבער'ס. מאַלען — וואָס קלויבט איהר אויס?
אַרעסטאַנט (נאָך אַ ישוב הדעת): פאַניע באַטשעלניקו — האָט דער אַרעסטאַנט געענטפערט, וואָלט איך מיך נישט געקענט פערנעמען מיט די זעלבע אַרטיקלען אַלס רייזענדער?..

### אמאליגע נסים

די חשובע רעפּערענטען וועלען דערציילען ביסים פון די אַמאָליגע גוטע צייטען, ווען פון איין קריגעל בוימאייל איז איבערנאַכט געוואָרען א פּולער שעניק פּוילישע מאַרקען.
דער איינטריט איז נאָר פאַר די מיטגלידער, וואָס געניסען פון זאַ „באַדזור סאָנדאַווי", אָדער פאַר די, וואָס שטעהען אונטער אַנ'אויפאַדלאַשטש.

### ביי אַ „פול טשאַרני"
#### אונטערגעהערטע שמועסען

פאַרוואָס איז איבערגעריסען די סיים-סעסיע? אַ פּנים אין סיים האָט געפעהלט אַ קוואָרום, ווייל די דעפּוטאַטען זענען געגאַנגען צום בריסקער פּראָצעס.

---

אין פּאָליטישען וועלטעל איז איצט געוואָרען אַ מאָדע אין העמדלעך — אין איטאַליען — שוואַרצע, אין דייטשלאַנד — ברוינע.
און אין פּוילען?
אין פּוילען וועט מען בקרוב שוין געהען אָהן העמדער.

### אַב'אָריגינעלער טערמין

ווען וועט זיך ענדיגען דער בריסקער פּראָצעס? נאָך די נייע קאָרטאָפעל.

### אַ געענדיגטער

אייער זוהן האָט טאַקע געענדיגט אַלס איגזשיבער?
געענדיגט.
האָט ער שוין אַ פּאָסטען?
ביין.
פון וואָס לעבט ער?
דערווייל פון האַנדעל.
ווי אַזוי?
ער פערקויפט איינציגווייז אויס ס'מעבעל פון דער שטוב, און איצט האַלט ער ביים פערקויפען די הויזען.

### אמאל און היינט

אַמאָל האָט מען געזאָגט:
„על הניסים"
היינט זאָגט מען:
„על המסים" (אויף די פּאָדאַטקעס).


## דער סוחרים-פעראיין זוכט א ביוראַליסטקע

אונזערע בעדינגונגען:
די קאַנדידאַטקע מוז האָבען געענדיגט דעם אוניווערזיטעט, צוזאַמענשטעלען בילאַנסען, פיהרען גאָפּעלטע בוכהאַלטעריע, מוז קענען מינדעסטען 8 שפּראַכען, מוז האָבען א 5 יעהריגע ביוראָ-פּראַקטיק, מוז קענען אויספילען אולגעס אויף פּאָדאַטקעס, די ערשטע 10 יאָהר — 30 זל. אַ חודש פענסיע.
די קאַנדידאַטקע וואָס האָט די אַלע אויסגערעכענטע מעלות, דאַרף ביים אָננעהמען דעם פּאָסטען אריינטראָגען אין דער פעראיינס קאַסע

**20000 זל. קויציע**

כדי צו דעקען דעם דעפּיציט.
מיט אָפּערטען זיך צו ווענדען צום סוחרים-פעראיין.



# דער קונדס

הומאָר • סאַטירע •

לכבוד חנוכה | צוזאַמענגעשטעלט פון אַב—נעק •

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נ' 281 • פרייטאַג, ד. 4 דעצעמבער 1931


# די ברכה פון א לאָדזער סוחר




אין לנו רשות להשתמש בהם אלא ה' סעקוועסטראַטאָר בלבד...



דער האַמבורגער בעמיקער ד״ר הוגאָ שטאָלצענבערג האָט אַרויסגעלאָזט אַ בוך מיט רעצעפּטען, לויט װעלכע יעדער קאָן אויספאַרטיגען גיפטיגע גאַזען. דאָס בוך, איז קאָנפיסקירט געוואָרען.



טאָם מיקס
באַריהמטער פילם־ אַרטיסט איז קראַנק געוואָרען.



אונטען: דער סעזאָן פון סקי־ספּאָרט. דער בליק אויף פיז פאַלי אין די בערנינאַ־ אַלפּען. דאָס בעסטע אָרט פאַר סקי־ספּאָרט.



דער אינטערנאַציאָנאַלער ענטוואָפענונגס - קאָנפערענץ אין פּאַריז.
אין ווינקעל: דער דייטשער דעלעגאַט לאָאָז, בעת זיין רעדע איז אויסגעבראָכען אַ גרויסער סקאַנדאַל



די אַרבייטסלאָזיגקייט אין דייטשלאַנד.
יוגענדליכע אַרבייטסלאָזע רעגיסטרירען זיך אין אַרבייטסלאָזען אַמט



דער אַמעריקאַנישער קאָנסטרוקטאָר פון אַעראָפּלאַנען וואַלטערס מיט זיין מאָדעל פון אַ קינפטיגען אַעראָפּלאַן.



זאָפיאַ פאָן לאַ ראָש, באַריהמטע דייטשע שריפטשטעלערין, צום 200־טען יאָהרטאָג פון איהר געבורט.

אונטען: איינס פון די אינטערעסאַנטע אַלטע געביידעס פון דאַנציג שטעהט שוין זייט 450 יאָהר.





דער קלויסטער מעלק אויפ'ן דונאַי וואו ס'איז אויף אַ שרעקליכען אופן ערמאָרדעט און בערויבט געוואָרען אַ 70־יעהריגען מאָנאַך.





## פּראָטעקציאָנס־צאָל אין ענגלאַנד

שטרימף צו פופציג גראָשען אַ פּאָר! די לעצטע געלעגענהייט צו קויפען ביליגע שטרימף.

אין די האַפענס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט ריזיגע מאַסען סחורות, וואָס זענען אָנגעקומען פאַר'ן איינפיהרען די שוץ־צאָלען.



וואָלפגאַנג מאָצאַרט. צום 140 יאָהרצייט פון געניאַלען קאָמפּאָזיטאָר.





פּראָפעסאָר האַנס פעכנער
דער בלינדער מאַלער און שרייבער איז די טעג געשטאָרבען.

רעכטס: אַדאָלף דאַמאַשקע, בעקאַנטער פּאָ־ציפיסט, קאַנדידאַט צו בעקומען דעם נאָבעל־פּרייז פאַר'ן שלום.





לינקס: בעקאַנטער שפאַנ. פליהער און רע־וואָלוציאָנער מאַיאָר פראַנקאָ זאָל זיין ענט־לאָפען פון אַ באַרצעלאָנער סאַנאַטאָריע.

בערט הינקלער איז אַריבערגעפלויגען דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן פון מזרח צו מערב.



אין האַמבורג איז געעפענט געוואָרען אַ שפּיטאָל וואו די קראַנקע ווערען בעהאַנדעלט דורך קינסטליכען פאָלאַרען און טראָפּישען קלימאַט.



רעכטס: דאָס לייפּציגער „געוואַנדהויז" איינס פון די וויכטיגסטע מוזיקאַלישע אַנשטאַלטען אין דער וועלט האָט איצט געפייערט דעם 150־יעהר. יובילוי



לינקס: דער טראַדיציאָנעלער וועט־לויף פון די פּאַריזער מידינעטקעס.
די זיגערין מאַדלען מאַריאַן.

